Department of Social Services
Human Resources Administration
Department of Homeless Services
Office of Child Support Services

# טשיילד סופארט חובות קרעדיט פראגראם - אנטיילנעמענדער צושטימונג

## I. קליענט אינפארמאציע און פליכטן

(א) איך, __________, בין די עלטערן וואס האט נישט קיין קאסטאדי און איך האב אן אקאונט מיט די ניו יארק סיטי יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע, אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS) מיט די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס (NYC DSS). מיין(ע) אקאונט נומער(ן) איז/זענען ____________, ____________________________, _____________.
איך געב זיך איין פאר די טשיילד סופארט חובות קרעדיט פראגראם ( Arrears Credit Program, ACP). די צושטימונג ערקלערט מיינע פליכטן אלס אן אנטיילנעמער אינעם פראגראם. מיט'ן אונטערשרייבן די דאקומענט, שטים איך צו צו אלע טערמינען און פאדערונגען אינעם צושטימונג.

(ב) איך נעם אנטייל אין די פראגראם צו אראפברענגען-און מעגליך ברענגען ביז זערא-מיין NYC DSS פערמענאנטע באשטימטע חובות (די סומע פון אומבאצאלטע טשיילד סופארט געלטער וואס איך בין שולדיג פאר די רעגירונג אין צייט וואס מיינע קינדער באקומען קעש הילף). איך וועל נאכאלץ דארפן באצאלן סיי וועלכע טשיילד סופארט וואס איך בין שולדיג פאר די עלטערן וואס האט פאראנטווארטליכקייטן (וואס וואוינט מיט מיין(ע) קינד(ער)) אדער פאר סיי וועלכע אנדערע סאושעל סערוויסעס דעפארטמענטס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי.

(ג) איינע פון די פאלגנדע צוויי אפטיילונגען זענען גילטיג פאר

מיר: אדער:

I. **איך באצאל יעצט א באפעל פון סופארט**
אנטיילנעמונג אין די פראגראם הויבט זיך אן אויף די דאטום ווען איך דארף באצאלן מיין קומענדיגע טשיילד סופארט באצאלונג און האלט אן פאר איין יאר נאכ'ן אונטערשרייבן די צושטימונג. דורכאויס די גאנצע יאר, שטים איך צו צו באצאלן די סומע פון טשיילד סופארט וואס איך בין שולדיג יעדע מאנאט פאר מיין אקאונט. פארפאסן א באצאלונג קען מיר אראפנעמען פון די פראגראם און סיי וועלכע קרעדיטס וועלכע איך האב פארדינט אויף מיין טשיילד סופארט חוב קען פארלוירן גיין.

**אדער**

II. **איך באצאל בלויז טשיילד סופארט חובות**
אנטיילנעמונג אין די פראגראם הויבט זיך אן איינמאל איך שרייב אונטער די צושטימונג און האלט אן פאר איין יאר פון די דאטום פון דעם צושטימונג. דורכאויס די גאנצע יאר, שטים איך צו צו באצאלן די סומע פון מיין לעצטע טשיילד סופארט געריכט באפעל פון מיין חוב וואס איך בין שולדיג פאר מיין אקאונט. אויב איך פארפאס א באצאלונג, קען איך ווערן אראפגענומען פון די פראגראם און סיי וועלכע קרעדיטס וועלכע איך האב פארדינט אויף מיין טשיילד סופארט חוב קען פארלוירן גיין.

(דרייט איבער)

(ד) מיין אנטיילנעמונג אינעם פראגראם קען זיין גילטיג פאר אלע טשיילד סופארט אקאונטס וואס איך פארמאג. יעדע פון מיינע טשיילד סופארט אקאונטס וואס האבן פערמענאנטע פארשריבענע שולדיגע געלטער שולדיג פאר NYC DSS, איז בארעכטיגט צו באקומען ביז $5,000 אין קרעדיט אויב איך פיר ריכטיג אויס די פראגראם פאר יעדע קעיס. OCSS וועט אדמיניסטראטיוו צופאסן די פערמענאנטע פארשריבענע חוב שולדיג פאר NYC DSS.

(ה) מיין אנטיילנעמונג אינעם פראגראם וועט נישט אפהאלטן קיין אנדערע ענפארסירונג שריט (אזויווי א שטייער ריפאנד צוריקהאלטונג. באצאלונגען באקומען אלס רעזולטאט פון אן ענפארסירונג שריט קען אראפברענגען צו סומע פון די פערמענאנטע באשטימטע חוב שולדיג צום NYC DSS. די סומע פון קרעדיט באקומען וועט זיין ביז די סומע פון פערמענאנטע באשטימטע חוב שולדיג צום NYC DSS אדער $5,000, וועלכע איז העכער.

## II. פינאנציעלע אינפארמאציע

מיט'ן אונטערשרייבן דעם צושטימונג, זאג איך אז די פאלגנדע דערקלערונגען איבער מיין פינאנציעלע היסטאריע און פארמעגן איז ריכטיג לויט ווי איך ווייס:

- איך פארמאג נישט יעצט מער פון $3,000 אין די באנק.
- איך פארמאג נישט קיין פראפערטי (אזויווי קארס, צירונג, אדער ריעל עסטעיט) וואס איז ווערד מער פון $5,000.

## III. אנדערע אינפארמאציע

אנטיילנעמער אין די פראגראם קענען נישט האבן אמאל געווען אין טורמע צוליב א פארברעכן קעגן א קינד. מיט'ן אונטערשרייבן דעם בויגן, דערקלער איך אז איך בין קיינמאל נישט געווען אין טורמע צוליב א פארברעכן קעגן א קינד.

## IV. קליענט דערגרייכונגען

אויב איך נעם אנטייל אין די פראגראם מיט ערפאלג, דורך באצאלן טשיילד סופארט פאר צוועלף (12) מאנאטן נאכאנאנד, שטימט OCSS צו צו פראצעסירן די קרעדיט איינס ביז צוויי מאנאטן נאך די דערגרייכונג איז ערפולט געווארן. אויב איך בין בלויז שולדיג א חוב, שטימט OCSS צו צו אראפברענגען די סומע פון טשיילד סופארט חוב וואס איך בין פערמענאנט שולדיג פאר NYC DSS איינס ביז צוויי מאנאטן נאך באצאלונגען זענען ערהאלטן געווארן פאר צוועלף (12) מאנאטן.

(דרייט איבער)

אויב איך האב ערפאלגזאם פארענדיגט די צוועלף (12) מאנאטן, מיט צייטליכע באצאלונגען יעדע מאנאט, וועל איך אויטאמאטיש ווערן איינגעשריבן אין די פראגראם פאר נאך א יאר צו ווייטער אראפברענגען די פארבליבענע שולדיגע סומע וואס איך בין פערמענאנט שולדיג פאר NYC DSS, ביז צו דריי יאר, וועלכע איז קומט ערשט.

צו בלייבן בארעכטיגט און באקומען די קרעדיט, מוז איך באצאלן די טשיילד סופארט וואס איך בין שולדיג פאר א צייט פון צוועלף (12) מאנאטן נאכאנאנד בשעת'ן זיין אין די פראגראם, (אפילו אויב איך פארדין גענוג קרעדיטס אין וויניגער ווי איין יאר צו אראפברענגען די סומע וואס איך בין שולדיג פאר NYC DSS אין טשיילד סופארט צו זערא.)

איך קען נישט פארדינען מער קרעדיט ווי די סומע פון פערמענאנטע באשטימטע טשיילד סופארט וואס איך בין שולדיג פאר NYC DSS. איך וועל באקומען ביז א $5,000 חובות קרעדיט אויף יעדע NYC DSS קעיס נאכ'ן באצאלן מיין יעצטיגע טשיילד סופארט פליכט(ן) פאר צוועלף (12) מאנאטן נאכאנאנד פאר יעדע קעיס.

## V. קליענט צושטימונג און אונטערשריפט

איך, ______________, שווער אדער דערקלער אונטער שטראף פון שווערן פאלש אז די אינפארמאציע וואס איך האב צוגעשטעלט אין דעם אנטיילנעמער צושטימונג פאר די טשיילד סופארט חובות קרעדיט פראגראם איז ריכטיג.

איך שטים צו זיך איינצושרייבן אין די חובות קרעדיט פראגראם און שטים צו צו די געשריבענע באדינגונגען. איך פארשטיי אז די חובות קרעדיט פראגראם וועט זיך אנהויבן אויף די דאטום וואס מיין ערשטע באצאלונג פאר סופארט דארף באצאלט ווערן נאך איך שרייב אונטער די אפמאך. איך שטים צו צו באצאלן מיין טשיילד סופארט פליכט(ן) באצייטנס יעדע מאנאט. איך פארשטיי אז אויב איך פאלגט נישט אויס די באדינגונגען פונעם צושטימונג, ארייגערעכנט אויספאלג פון אלע געריכט באפעלן און געריכט ערשיינונגען וועל איך ווערן אראפגענומען פון די פראגראם. אויב איך ווער אראפגענומען פון די פראגראם, וועלן סיי וועלכע חובות קרעדיטס וואס איך האב מעגליך פארדינט ביז אהער פארלוירן גיין.

מיט'ן אונטערשרייבן דעם צושטימונג, פארשטיי איך און איך שטים צו צו די פאדערונגען פון די אנטיילנעמער צושטימונג פאר די טשיילד סופארט חובות קרעדיט פראגראם און שטים צו צו אירע טערמינען ווי ערקלערט אויבן. די צושטימונג ווערן אויסגעפירט אויף די דאטום אונטערגעשריבן ווי פאלגנד.

צושטימונגען זאלן אריינעמען א בילד אדער קאפיע פון א גילטיגע רעגירונגס-ארויסגעגעבענע אידענטיפיקאציע.

______________________ ______________________
עלטערן וועלכע טראגט נישט פאראנטווארטליכקייט דאטום

______________________ ______________________
NYC DSS אויטאריזירטער פארשטייער דאטום

(דרייט איבער)

**צו ענדיגן די אפליקאציע, שיקט די אריגינעלע אונטערגעשריבענע ווערסיע פון די דאקומענט, אינאיינעם מיט אלע נויטיגע דאקומענטן, אויף פאסט צו:**

**NYC HRA/OCSS**

**Arrears Credit Program :Attention**

**PO Box 830**

**Canal Street Station**

**New York, NY 10013**

**האט איר א מעדיצינישע אדער גייסטישע געזונטהייט צושטאנד אדער דיסאביליטי?** מאכט די צושטאנד שווער פאר אייך צו פארשטיין די מעלדונג אדער צו טון וואס דער מעלדונג בעט? מאכט די צושטאנד שווער פאר אייך צו באקומען אנדערע סערוויסעס ביי HRA? **מיר קענען אייך העלפן.** רופט אונז אויף **718-557-1399.** איר קענט אויך בעטן הילף ווען איר באזוכט אן HRA אפיס. איר האט א רעכט צו פארלאנגען די סארט הילף לויטן געזעץ.